## פֿינפֿטער טייל

נאָך עטלעכע טעג זענען מיר אַזוי געלעגן און געפֿילט ווי די לעצטע כּוחות פֿאַרלאָזן אונדז. די נשמה גליטשט זיך פּאַוואָליע אַרויס פֿון דעם בידנעם גוף און וואָס ערגער -- אָדער אפֿשר גאָר בעסער -- אַז די פֿאַנטאַזיעס זענען מיט אַ מאָל פֿאַרשוווּנדן. נישט מער געחלומט, נישט פֿאַנטאַזירט וועגן אַ שטיקל ברויט, אַ זופּ, אַ ביסל פֿרײַהייט. דאָס אַלץ איז איצט געוואָרן אַזוי ווײַט. אין אָנהייב האָט מען נאָך מורא געהאַט צו ווערן אַ פּאָלנער מוזלמאַן, אָדער אַ מענטשן-פֿרעסער. מיט אַ מאָל איז אַלץ געוואָרן אַלץ איינס. אַלע מוראס אויף דער וועלט, דער אייביקער פּחד פֿון אַ קאַצעטניק איז ווי דורך אַ כּישוף מיט אַ מאָל פֿאַרשוווּנדן, ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ס'איז דיר גראָד גוט: דער גוף דאַרף שוין איצט גאָרנישט מער. ער ליגט זיך אַזוי רויִק אויפֿן שטרוי און די נשמה פֿליט זיך אַרום אין דער סטאָדאָלע אין דער הייך, אונטערן באַלקן, און קוקט זיך גלײַכגילטיק אַראָפּ צו דיר, אויפֿן פּגר... און אפֿשר בין איך שוין טויט? -- האָט זיך מיר געמישט ערגעץ אין קאָפּ. עס איז בכּלל נישט אַזוי שלעכט! און אפֿשר עסט מען שוין מײַן לעבער? איך האָב פּרובירט זיך אָנצוטאַפּן בײַם בויך, אָבער כ'האָב בשום-אויפֿן נישט געקענט. אויך דאָס איז מיר מער נישט געווען קיין גרויסער חילוק. וואָס גיסט זיך מיט אַ מאָל עפּעס צו מיר אין מויל אַרײַן? און ווער האַלט מיך אין איין פּאַטשן אין פּנים אַרײַן? יאָ, דאָס איז בעניעק, ער פּאַטשט מיך אַזוי שטאַרק. צי איז ער אַראָפּ פֿון זינען? ״יעקבֿ! יעקבֿ!״ -- הער איך אים רופֿן, ווי פֿון דער ווײַטנס, און ער גיסט מיר אַ ביטער וואַסער אין מויל אַרײַן.

"וואָס איז, בעניעק, וואָס איז געשען?״ -- פֿרעג איך אים.

"אוי, יעקבֿ, יענקעלע, דו לעבסט! כ'האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין אויך אַ פּאַרטיקער.״

"ניין, בעניעקל, כ'בין נאָך נישט קיין פּאַרטיקער! זעסט דאָך, אַז כ'לעב! כ'האָב נאָר פּרובירט צו כאַפּן אַ קוק, ווי אַזוי ס'זעט דאָרטן אויס, אויף יענער וועלט, אפֿשר ווען דו וואָלטוסט מיך נישט צוריקגערופֿן פֿון מיטן וועג, נישט געפּליאַסקעט אין דער מאָרדע אַרײַן, אַז די נשמה איז מיר שיעור נישט אויסגעגאַנגען, און נישט אַרײַנגעגאָסן אין מיר דײַן לעצטע ביסל קאַווע, טאָ ווער ווייסט, צי כ'וואָלט שוין אַצינד נישט געווען דאָרט, אויף יענער וועלט.״

"ע-ע-ע, נאַרישקייטן! יענע וועלט, -- דו גלייבסט נאָך אין אַזעלכע באָבע-מעשׂיות?!״ -- האָט בעניעק פֿון מיר געחוזקט, ווי אַן אַלטער געניטער אַפּיקורס: ״אָט האָסטו די קופּע פֿאַרשטונקענע טויטע. זע וואָס פֿאַר אַ יענע-וועלט ס'איז דאָ!״

"כ'ווייז נישט, בעניעק, אָבער ס'איז נישט אַזוי שרעקלעך דאָרטן ווי מען מיינט. אַצינד איז מיר אַ סך שרעקלעכער: כ'בין שוין ווידער הונגעריק!״

"אויב אַזוי, יענקעלע,״ האָט בעניעק אָנגעהויבן מיך צו פֿאַרווײַלן, ציטערנדיק אַז כ'זאָל חלילה ווידער נישט פּרובירן צו מאַכן אַ שפּאַציר אַהין, אויף יענער וועלט, ״אויב אַזוי: טאָ אפֿשר האָסטו אַן אַפּעטיט אויף אַ פֿריש לעבערל? אָדער אַ מילצעלע? און אפֿשר גאָר אַ פּופּיקל? אָבער ליידער נישט קיין געבראָטנס, נאָר אַ רוי פּופּיקל פֿון אַ מענטשעלע, אַ קאַצעטניקל. וואָס האָסטו ליבער, מײַן טײַער יענקעלע? אַ פֿראַנצייזיש פּופּיקל, צי אַ ייִדיש פּופּיקל, און אפֿשר גאָר אַ רוסיש לעבערל? אָט ליגט

דאָ בײַ דײַנע פֿיס אַזאַ פֿײגערל שוין דעם צווייטן טאָג, נאָך גענוג פֿריש, ס׳איז אָבער שווער צו דערקענען, וואָס ער איז, זיי האָבן אַלע דעם זעלבן פּרצוף..." פּלוצלינג אַ געפּײַפֿערײַ: "אופֿשטיין. אופֿשטיין! ראַוס צום אַפּעל! שנעל! שנעל! צום אַפּעל!" יעקבֿ, דו הערסט? עס הייבט אַלץ אָן צוריק צו פֿונקציאָנירן, צוריק נאָרמאַל צו ווערן. זעסט, מען יאָגט שוין אונדז ווידער צום אַפּעל, ווי אין יענע גוטע צײַטן..."

די וואַכמענער זענען אַרײַן אין דער פֿאַרשטונקענער סטאַדאָלע מיט טיכלעך פֿאַרבונדענע אויף די פּנימער, טייל האָבן געטראָגן גאַזמאַסקעס און האָבן אונדז גייאָגט אַרויס צום אַפּעל. אָבער זייער ווייניק האָבן זיך נאָך אויפֿגעהויבן. די גרעסטע טייל איז געבליבן ליגן נישט קענענדיק זיך רירן פֿון אָרט. די וואַכמענער האָבן זיי צוגעשאָסן.

דאָס צווייטע מאָל זינט מיר גייען אין טויטנמאַרש האָבן מיר באַקומען אַ זופּ און גראָד אַן אמתע באָנע-זופּ. דאָס האָט פּשוט מחיה-מתים געווען און אַרײַנגעגעבן אַ שטיק לעבן (זינט דעמאָלט איז נישטאָ פֿאַר מיר עפּעס בעסערס, ווי אַ באָנע-זופּ, אָדער אַ באָבעלע-זופּ, ווי מע האָט עס אַ מאָל גערופֿן אין דער היים. מעג איך הײַנט צו טאָג עסן די בעסטע מאכלים וואָס זענען פֿאַראַן אָוף דער וועלט, קיין מאָל אָבער וועל איך נישט עסן מיט אַזאַ הנאה און תּאווה, ווי איך עס אַ באָבעלע-זופּ. גענוי ווי איך וואָלט הײַנט אַוועקגעגעבן, כ׳ווייס נישט וואָס, פֿאַר אַ ביסל זיסע סופּ, וואָס מיר האָבן אַ מאָל באַקומען אויפֿן "ווערק צע" אין סקאַרזשיסק, נאָר גיי ווייס, ווי אַזוי מ׳שטעלט צוזאַמען אַזאַ יקום-פּורקן-זופּ.(1)

דער לאַגער קאָמענדאַנט האָט זיך צוריק באַוויזן אויף זײַן מאָטאָציקל און אונדז געהאַלטן אין איין ציילן, גענוי ווי אַ פּאַסטעכל אין אַ מעשה-ביכל, פֿאַר קינדער, וואָס ציילט זײַנע שעפֿעלעך נאָך אַ גרויסער מגיפֿה. דאָס מאָל אָבער האָט ער קיינעם מער נישט געסטראַשעט. מיר זײַנען שוין געווען אויסגעסטראַשעט... ער האָט גוט געוווּסט, אַז אַ זופּ, אַ פּײַקע ברויט קאָן העלפֿן, אָבער סטראַשען?

איצט האָט זיך דער גאַנצער האָריזאָנט געענדערט, זינט דעם אָנהייב פֿון טויטנמאַרש. נישט נאָר די נאַטור איז געוואָרן אַן אַנדערע, נאָר בעיִקר די העפֿטלינגען. אַצינד האָט מען בשום-אופֿן מער נישט געקענט דערקענען ווער ס׳איז ווער. אַלע האָבן געהאַט דאָס זעלבע פֿאַרטריקנט סקעלעטיש פּנים מיט צוויי גרויסע לעכער אונטערן שטערן, וווּ ס׳האָבן אַרויסגעגלאָצט צוויי גרויסע פֿאַריתומטע אויגן. אויך די וואַכמעמער זענען מער נישט געווען די זעלבע. מײַן אונגאַרישן וואַכמאַן האָב איך מער נישט געזען. לעבן מיר איז איצט אויסגעוואַקסן אַ פֿריש געבאַקענער בלאָנדער וואַכמאַן פֿון אַ יאָר זעכצן-זיבעצן, מיט אַ קינדעריש-איבערגעשראָקן פּנים. ס׳האָט זיך גדאַכט, אַז ער האָט מער מורא פֿאַר אונדז ווי מיר פֿאַר אים. די גאַנצע צײַט האָט ער נערוועז געהאַלטן די ביקס גרייט צום שיסן. דער וועג איז געווען באַלייגט מיט סאָלדאַטן, אַלטע לײַט, פֿרויען און קינדער, טאַנקען, פּאַנצער-וואָגנס און סתּם אויטאָס, אויך פּויערישע פֿורן אײַנגעשפּאַנט אין פֿערד און אין מענטשן. אַלץ איז געלאָפֿן אין אַ בהלה, ווי פֿאַרסמטע מײַז פֿון אַ שׂריפֿה.

אין דעם גאַנצן תּוהו-ובוהו זענען אויף די קרייצוועגן געשטאַנען פֿעלד-פּאָליצײַ און געוויזן דעם וועג. דעם וועג צום מערבֿ.

הײַזער זענען געשטאַנען פֿאַרלאָזטע. אין מיטן דערין, ממש אין מיטן עסן, אַלץ שטיין געלאָזט, זיך אויפֿגעהויבן און געמאַכט אַ ויבֿרח. אַלץ שטייט נאָך אויף די טישן, די טירן זענען צעפּראַלט, דאָס ליכט ברענט נאָך, נישט באַוויזן אפֿילו אויסצולעשן. אוי, ווי קאָן מען זיך אַרײַנכאַפּן אין אַזאַ הויז, אין אַזאַ מלכות, זיך דאָס האַרץ צו דערכאַפּן! אָבער דער יונגער בלאָנדער וואַכמאַן שטייט גרייט ווי דער מלאך-המוות און קאָן נאָך אין יעדן אויגנבליק אַ שאָס געבן, אפֿילו נישט-ווילנדיק. ער איז נאָך געפֿערלעכער ווי אַ פּראָפֿעסיאָנעלער שיסער, וואָס שיסט אויסגערעכנט, ווען און ווו ער וויל. דאָס איז זיכער זײַן ערשט שטיקל אַרבעט אין דער מלחמה, האָב איך מיר געטראַכט און מען מוז זייער אויפּפּאַסן אויף אַזאַ נישט געניטן ראָצער(2), נישט מאַכן חלילה קיין איבעריקע באַוועגונג. און אפֿשר, ווען די נאַכט וועט צופֿאַלן, ס'וועט ווערן פֿינסטער, וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט? אָבער ווען ס'איז געוואָרן פֿינסטער, גייען מיר גאָר אין מיטן פֿעלד.

מיט אַ מאָל, אַ צעטומלעניש, מיר געפֿינען זיך אין אַ גרויסן הויף מיט בהמות, פֿערד, חזירים. די לופֿט איז פֿול מיט ריחות פֿון לעבן, ריחות פֿון מיסט, ליינע, גנויפֿקע, עס שמעקט אַוועק! אסור מיר, צי אין גן-עדן שמעקט בעסער. אָט שטיי איך פּלוצלינג, כ'ווייס אַליין נישט ווי אַזוי, פֿאַר אַ גרויסער חזירים-קאָרעטע מיט וואַרעמע צעהאַקטע קאַרטאָפֿל. די פּאַרע שלאָגט מיר אין פּנים אַרײַן און כ'ווער פֿאַרשיקערט פֿונעם ריח-ניחוח. איך טראַכט נישט קיין סך און גיב מיך אַ וואָרף אויף דער קאָרעטע מיט מײַן גאַנצע לײַב-און-לעבן און שטופּ אין זיך אַרײַן פֿולע הויפֿנס מיט וואַרעמע קאַרטאָפֿל. אין אָנהייב קוקן פֿאַרוווּנדערט די אָנגעפֿרעסענע חזירים אויף דעם אויסגעהונגערטן גאַסט מיט זייערע כיטרע חזירישע אייגעלעך. באַלד אָבער צעריטשען זיי זיך אויף אַלע קולות, אַזוי חזיריש, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז ס'וועט פֿאַר זיי גאָרנישט מער איבערבלײַבן.

אַצינד ערשט פֿאַרשטיי איך, האָב איך זיך געטראַכט, פֿאַר וואָס די תּורה האָט אַזוי שטרענג פֿאַרבאָטן צו עסן חזיר. ס'איז אַוודאי דערפֿאַר, כּדי חלילה אַליין נישט צו ווערן קיין חזיר. אַזעלכע אָנגעפֿרעסענע חזירים! וויפֿל זיי האָבן, איז פֿאַר זיי ווייניק! וואָס גייט זיי אָן אַ מלחמה, אַ הונגער אויף דער וועלט, דער עיקר, אַז זיי האָבן חזיריש צו פֿרעסן. אַזוי אַז אַ חזיר בלײַבט אַ חזיר...

אַ זעץ איבערן קאָפּ פֿון אַ פּויערישער ווידלע האַקט אָפּ מײַנע חזירישע פֿילאָסאָפֿיעס און כ'ווער צוריק ניכטער. איצט יאָג איך זיך מיט פֿרישע כּוחות נאָכן טראַנספּאָרט, וואָס האָט זיך שוין געהאַט דערווײַטערט פֿון מיר.

די צרה איז אָבער געווען, אַז נאָך אַזאַ מין אויסערגעוויינטלעכן חזירישן אָוונטברויט ווערט מיר מיט אַ מאָל דער בויך אויפֿגעשוואָלן ווי אַ פּאַס און ס'כאַפּט מיך אָן געפֿערלעכע ווייטיקן. "אַ סימן, אַז דער גוף לעבט נאָך," טרייסט מיך בעניעק. "מוחל טובֿות!" שרײַ איך פֿאַרצווייפֿלט. "איך קאָן אָבער מער נישט גיין!" בעניעק כאַפּט מיך אָן, כ'זאָל נישט אומפֿאַלן און מוסערט מיך:

"דו מוזסט גיין! איצט מוזסטו גיין!"

איך האַלט זיך אין איין קאָרטשען פֿון די ווייטיקן, אַז כ'קאָן אַזש דעם אָטעם נישט כאַפּן און לאָז זיך אַראָפּ אויף דער ערד, מיטשלעפּנדיק מיט זיך בעניעקן. ער איז גערעכט, בעניעק. איך מוז גיין! איך מוז גיין! אַצינד מוז איך לעבן! -- שרײַט עפּעס אַ

כּל אין מיר: איצט, ווען די לופֿט רעדט ווערטער, אָט-אָט איז נאָך אַלעמען, נאָך דער מלחמה! מײַן בויך ווערט מיר אָבער צעזעצט פֿון ווייטיק און איך קאָרטשע זיך נאָך מער צוזאַמען אויף דער פֿײַכטער ערד.
"יעקבֿ, יענקעלע -- בעט זיך בעניעק -- שטיי אויף! מ'וועט דיך נאָך דערשיסן!" -- און ער ברעכט אויס אין אַ געוויין.
דאָס איז בעניעק, מײַן לאַגער-חבֿר, ער קאָן נאָך וויינען, שוין לאַנג אַזוינס נישט געזען. אין קאַצעט וויינען? לאַכן, דאָס יאָ, אָבער וויינען? בעניעק האַלט אין ציִען מיך בײַ דער האַנט, אָבער אומזיסט.
"גיי אַוועק! -- שרײַ איך צו אים -- גיי, לאָז מיך ליגן! אפֿשר וועט מען מיך נישט באַמערקן, עס איז דאָך פֿינסטער." ער אָבער וויל מיך בשום-אופֿן נישט איבערלאָזן. ער פּרובירט מיט די לעצטע כּוחות מיך אויפֿצוהייבן, אָבער ער איז צו שוואַך. פּלוצלינג פֿיל איך, ווי עמעצער נעמט מיך אָן פֿון דער צווריטער זײַט און שטעלט מיך אויף די פֿיס. ביידע שלעפּן מיך אַצינד, בעניעק פֿון איין זײַט און דער פֿרעמדער פֿון דער צווייטער זײַט. מיר גייען, און אפֿשר זענען מיר גאָר געפֿלויגן, באַרג-אַרויף און באַרג-אַראָפּ און ווידער באַרג-אַרויף. אַרום איז חושך מצרים. איך הער נאָר דאָס שווערע סאָפּען פֿון מײַנע צוויי רעטערס.
בנאמנות, ס'איז זיי נישטאָ וואָס מקנא צו זײַן, נישט בלויז וואָס זיי מוזן שלעפּן די אייגענע קראַנקע קאַצעטישע פֿיס, שלעפּן זיי נאָך איצט מיט זיך אַזאַ פּגר ווי מיך.
אָבער ווער איז דער פֿרעמדער? אַ מלאך אפֿשר? ווי אַזוי קומען דאָ אַהער מלאכים. אַז אסור, צי טײַוולאָנים וואָלטן זיך דערוועגן דאָ אַהער צו קומען! אַזוי ווי זיי פֿירן מיך ווי אַ חתן אונטער דער חופּה, רײַב איך מיר דערווײַלע דעם אויפֿגעשוואָלענעם בויך און נאָך אַ לענגערער צײַט ווערט מיר בעסער. דער בויך ווערט מיר צוריק אײַנגעשרומפּן, ווי בײַ אַ נאָרמאַלן אויסגעהונגערטן קאַצעטניק. איך ווייס נאָך אַלץ נישט ווער דער פֿרעמדער איז, -- אַ ייִד, אַ פֿראַנצויז, צי אַ רוס? אָבער וואָס איז דען דער חילוק? אַ קאַצעטניק איז ער זיכער! די זעלבע נאַכט האָט מען געררוט עטלעכע שעה אויף אַ זײַטיק וועגל. אין מיטן שלאָף, -- אַ גוואַלד, אַ געשרײיערײַ -- וואָס האָט פּאַסירט? יאָ, דער זעלבער גוטער מלאך מײַנער, וואָס האָט מיר אָפּגעראַטעוועט ס'לעבן, האָט זיך געלייגט צו נאָענט צום וועג, אַ טאַנק איז אַדורכגעפֿאָרן און אים אָפּגעשניטן ביידע פֿיס. אַ שאָס פֿונעם וואַכמאַן האָט אים אויסגעלייזט פֿון זײַנע ליידן.
צו מאָרגנס פֿרי, דעם 8טן מײַ 1945, ווען מיר האָבן אויפֿגעמאַכט די אויגן, האָבן מיר געזען, אַז מיר געפֿינען זיך הינטער אַ שטעטל צווישן געדיכטע באַוועלדערטע גרינע בערג.
"אַך, ווי הערליך עס איסט היר!" -- האָט איינער פֿון די עס-עס-וואַכמענער ראָמאַנטיש אויסגערופֿן.
"נו יאָ, וויר זינד אין סודעטן-דײַטשלאַנד," -- האָט אַ צווייטער, אַן אויפֿגעלייגטער, געענטפֿערט.
באַלד האָבן זיך באַוויזן צוויי ציווילע עלטערע מענער און ענערגיש פֿאַרהאַנדלט מיטן אונטערשאַרפֿירער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער פֿון זיי איז דער בירגער-מײַסטער פֿון שטעטל. ער וויל אונדז, די מאָדנע באַשעפֿענישן, בשום-אופֿן נישט האָבן

בײַ זיך ווי גערסט. ער פֿאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן וואָס גיכער פֿאַרלאָזן דאָס אָרט און גיין ווײַטער. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער ציטערט אין גאַנצן פֿאַר אַזעלכע נישט-געוויינטלעכע, אומגעבעטענע געסט. דאָס ערשטע מאָל וואָס מע האָט גאָר פֿאַר אונדז מורא! די אַלײַירטע אַרמייען קענען אין יעדן אויגנבליק אָנקומען און מיר זענען פֿאַר זיי באַשטימט נישט קיין גוטע עדות... לאַנג האָט מען פֿאַרהאַנדלט און אָפּגעמאַכט, אַז מיר בלײַבן נאָר עטלעכע שעה ביז צו אַ נײַעם באַפֿעל.
דערווײַלע האָבן מיר אָנגעהויבן פּעסט זיך צו באַזעצן אויפֿן פֿײַכטן פֿרימאָרגנדיקן גראָז, באַדעקט מיט בליִענדיקע מײַאָווע בלומען. די זון האָט זיך פּאַמעלעך אויפֿגעהויבן פֿון הינטער די באַוועלדערטע בערג און האָט אונדז באַגריסט מיט אַ זוניקן גוטמאָרגן, ווי זי וואָלט אונדז געוואָלט אָנזאָגן אַ גוטע בשׂורה, וואָס פֿאַר אַ גרויסער טאָג עס דערוואַרט אונדז הײַנט... מיר האָבן אָבער די רמזים פֿון דער זון נישט פֿאַרשטאַנען; פֿאַרקערט, מיר האָבן גאָר פֿאַר איר געציטערט. מיר האָבן שוין גענוג געהאַט דערפֿאַרונג און געוווסט, אַז נישט תּמיד ווען די זון שײַנט, איז שיין אויף דער וועלט... בײַ די גרעסטע אַקציעס, סעלעקציעס, עקזעקוציעס, פֿלעגט זיך די זון תּמיד באַווײַזן, און ווי אויף צו להכעיס שײַנען ווי קיין מאָל גאָרנישט. אַנשטאָט זיך צו באַהאַלטן, צו באַגראָבן ס׳פּנים פֿאַר חרפּה, פֿאַר בושה, אונטערצוגיין לעולם-ועד, אויף אייביק. מיר האָבן שוין פֿון לאַנג געוווסט, אַז די זון שײַנט מער נישט פֿאַר אונדז. זי שײַנט פֿאַר אונדזער גרעסטן שׂונא. די זון איז געוואָרן אַ נאַציחע! נישט איין מאָל, ווען איך פֿלעג אַרויפֿקוקן צו דער זון, האָב איך אין איר געזען אַ האַקנקרייץ.
יעדער איינער פֿון אונדז איז איצט געווען אַרײַנגעטאָן אין זײַנע אייגענע צרות, -- ווער אין לויזן זיך און ווער אין גוססן, אין אָפּשיידן זיך פֿונעם בידנעם קאַצעטנישן לעבן. אַ סך פֿון אונדז זענען דאָ געבליבן ליגן אויף אייביק, דאָ צווישן די מײַאָווע שמעקענדיקע בלומען.
אין מיטן דער עבֿודה, כ׳מיין: אין מיטן לויזן זיך, אַ נישט געוויינטלעכע באַוועגונג -- מע גייט, מע קומט מיט גאַנצע אוצרות: טאָרבעס ברויט, קאַרטאָפֿל און שאָר-ירקות. די וואַכמענער מאַכן זיך נישט-קוקן, אָדער זעען זיי טאַקע נישט? זיי האָבן מיט זיך צו טאָן, סודען זיך, רעדן, דיסקוטירן, ווי נישט-געוויינטלעך. מיר, קאַצעטניקעס, גייען זיי מיט אַ מאָל אָן ווי דער פֿאַרײַאָריקער שניי.
איך שאַר מיך צו צום אַזאַ איינעם, וואָס איז ערשט צוריקגעקומען מיט אַ טאָרבע אָנגעפּאַקטע מציאות און בעט בײַ אים אַ שטיקל ברויט. דער קאַצעטניק הייבט אויף מיר אויף צוויי קאַצעטנישע אויגן, ווי איך וואָלט גאָר פֿון אים פֿאַרלאַנגט דאָס טעלערל פֿון הימל און זאָגט צו מיר אין אַ היימישן ייִדיש:
"ווייסט כאָטש, אַז ביסט אַ משוגענער? וואָס, ברויט זאָל איך דיר געבן? פֿאַר וואָס? ביסט דען קראַנק? כ׳זע אַז דו קאָנסט זיך נאָך נישקשה רירן. טאָ גיי שוין, פּאַראַזיט וואָס דו ביסט, צו אַל די שוואַרצע יאָר אַליין אײַנשטעלן ס׳לעבן, ווי איך האָב געטאָן. אָט דאָ נישט ווײַט איז אַ דאָרף. אַז ווערסט האָבן מזל. מע וועט דיך נישט אַוועקלייגן, קענסטו עפּעס אָרגאַניזירן."
איך קוק זיך אַרום, זוך אַ שותּף אין וועג אַרײַן. אוי, ווו איז בעניעק? כ׳קאָן אים בשום-אופֿן נישט געפֿינען. מן הסתּם איז ער אויך אַוועק "אָרגאַניזירן." איך קוק אויפֿן ערשטן בעסטן שכן, וואָס זיצט לעבן מיר, אויסגעטאָן אדם נאַקעט און לויזט

זיך. זײַן לאַנגער אויסגעדאַרטער גוף איז באַוואַקסן פֿון קאָפּ ביז די פּיס מיט געדיכטע געקרײַזלטע האָר, ווי בײַ אַ בער. ער איז אַזוי אַרײַנגעטאָן אין דער עבֿודה, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט נאָר באַשטאַנען אין קנאַקן לײַז.

"געען וויר אַוד?״ -- האָב איך געוואַנדן אין דײַטש צום פֿרעמדן באַוואַקסענעם, -- מאַן קאַן וואַס אָרגאַניזירען.״

"פֿאַר וואָס ניט?״ -- ענטפֿערט מיר דער באַוואַקסענער אין אַ מאָדנעם ייִדיש: ווי לאַנג לעבן, דאַרפֿן עסן, קנאַקן לײַז און עסן!״

און אַזוי, אין צווייען, האָבן מיר זיך פֿאָרזיכטיק אַרויסגעלאָזט אין וועג אַרײַן. דאָס ערשטע מאָל זינט יאָרן, געשטעלט אונדזערע ערשטע טריט אָן אַ וואַכמאַן איבער זיך, -- דער לאַנגער באַוואַקסענער קאַצעטניק מיט קוים אַ פּאָר צעריסענע קאַצעטנישע הויזן אויף זײַן לײַב און איך, דער קלײנער קאַצעטניק, וואָס האָט נישט בעסער אויסגעזען, אָבער נישט געווען באַוואַקסן.

"איך מישאַ, רוסקי טשעלאָוויעק! -- האָט דער באַוואַקסענער מיט אַ מאָל צו מיר אויסגעשטרעקט אַ פֿרײַנדלעכע האַנט -- און דו?״ -- האָט ער געפֿרעגט.

"אָ, איך הייס יעקבֿ,״ -- האָב איך מיך פֿאַרגעשטעלט, איבערראַשט פֿון דער אומגעריכטער העפֿלעכקייט און זיך פֿאַרנייגט ווי אַ מאָל אין דער היים.

"זייער אָן-גע-נעם!״ -- האָט דער באַוואַקסענער געענטפֿערט און זיך טיף פֿאַר מיר פֿאַרנייגט, ווי פֿאַר אַ פּריץ.

"כאַראַשאָ! -- האָט ער אַ צופֿרידענער ווײַטער געזאָגט -- איך מישאַ, דו יעקבֿ! דו פּאָליאַק ייִד, איך רוסקי האַלב ייִד! מאַמאַ ייִד, פּאַפּאַ גוי.״

"אַ-ה-ה-ה,״ -- האָב איך אויסגערופֿן, -- ״מאַמאַ ייִד, פּאַפּאַ גוי!?״ -- און מיר האָבן זיך האַרציק צעלאַכט אויפֿן קול, אַז די בערג אַרום האָבן אַזש מיטגעלאַכט, צוריקענטפֿערנדיק אונדז מיט זייער באַס קול.

זעט אויס, אַז דעם בעסטן רושם האָבן מיר נישט געמאַכט, ווײַל ווי נאָר מיר זענען אַרײַנגעקומען אינעם ערשטן בעסטן דאָרפֿישן הויז אַרײַן, איז די בעל-הביתטע, דערזעענדיק אונדז, באַלד אַוועקגעפֿאַלן אין חלשות. מיר האָבן זי, פֿאַרשטייט זיך, געלאָזט ליגן אויסגעצויגן אויף דר'ערד. מיר האָבן נישט געהאַט קיין צײַט צו אַזעלכע נאַרישקייטן. אין אָנהייב האָבן מיר אין דעם הויז קיין גרויסע מציאות נישט געפֿונען. דאָך האָבן מיר אין דער לעצטער מינוט באַמערקט אַן אוצר שטיין אונטער אַ שאַנק. דאָס איז געווען אַ גרויסער סלוייִק מיט אײַנגעמאַכטס, וואָס נאָר אין משיחס צײַטן וועלן מיר אפֿשר עסן אַזאַ גיט אײַנגעמאַכטס.

"דאַווײַ! -- האָט מישאַ ענטוזיאַסטיש אויסגערופֿן, -- דאַווײַ מאַרמאַלאַד!״ איידער וואָס ווען, איז דער סלוייִק געווען ליידיק און דער מאָגן פֿול, אָבער איידער וואָס ווען איז דער מאָגן צוריק ליידיק געוואָרן. דער באַוואַקסענער מישאַ האָט געלאַכט פֿון מיר, אָבער נישט אויף לאַנג, ווײַל באַלד האָט ער אויך אַלץ צוריקגעגעבן. זעט אויס, אַז ווען ס'איז ביטער אויף דער וועלט, קען אויך דער מאָגן נישט פֿאַרטראָגן אַזעלכע זיסע מציאות. בײַם אַרויסגאַנג האָבן מיר געהערט די בעל-הביתטע וואָס איז נאָך אַלץ געלעגן אויסגעצויגן אויף דר'ערד: ״זי זינט דאָך ניכט די רוסקי?״

"ניין, ניין, ניכט רוסקי! רוסקי מאָרגען קאָמען!״ -- האָט מישאַ זי געטרייסט.

די שכנים אַרום אין דאָרף האָבן שוין געוווּסט וועגן די צוויי פֿרעמדע אַרײַנדרינגערס, ווײַל דאָס צווייטע הויז איז שוין געווען פֿאַרריגלט אויף שלאָס און קייט און פֿאַרלאָדנט. אינעם דריטן הויז איז געווען דאָס זעלבע, אָבער דורך אַ שפּאַרע האָבן מיר באַמערקט ווי אַ יונגע פֿויערטע קוקט אַרויס צו אונדז אַזוי איבערגעשראָקן, אַז מיר האָבן אַזש באַקומען חוצפּה און אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין דער טיר: ״מאַכן אַוף! מאַכן אַוף! -- האָט מײַן באַוואַקסענער קאָלעגע גערופֿן, -- וויר הונגער! וויר הונגער!״ נאָך עטלעכע מינוט וואַרטן האָט די יונגע פֿויערטע פֿאַוואָליע אויפֿגעמאַכט די טיר און מיט אַ ציטערנדיקער שטים אונדז באַגריסט: ״גריס גאָט.״

"גריס גאָט, גריס גאָט,״ -- האָט מישאַ אין אײַלעניש צוריקגעענטפֿערט און זיך אַרײַנגעשטופּט אין צימער אַרײַן -- ״עסען! עסען! ניכט רוסקי!״ -- האָט ער גערופֿן און אַרומגעלאָפֿן ווי אַ פֿאַרסמטער איבער דער שטוב זוכנדיק עפּעס צו נעמען אין מויל אַרײַן.

די יונגע פֿויערטע איז צוגעגאַנגען צו אַ שענקל, אַרויסגענומען אַ האַלב ברייטל און אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש. ״נעמען זי פֿלאַץ, מײַנע הערען,״ האָט זי שוין דרײַסט געזאָגט. אָבער דער באַוואַקסענער האָט אַ כאַפּ געגעבן דאָס ברויט, און ווען איך כאַפּ אים נישט אָן בײַ דער האַנט, וואָלט ער אַלץ געווען אַליין אַרײַנגעשטופּט. די יונגע פֿויערטע האָט אויף אונדז געקוקט, אַזוי ווי זי וואָלט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געזען מענטשן עסן ברויט. זי איז ווידער צוגעגאַנגען צום שענק און אַראָפּגענומען אַ גרויסן טאָפּ מיט מילך און אָפּגעשעפּט פֿאַר יעדן איינעם אַ טעפּל מילך. ״מאָלאָקאָ!!! -- האָט מישאַ אַ פֿאַרוווּנדערטער אויסגערופֿן. און מיר האָבן אויסגעטרונקען מיט איין צי, יעדער איינער אַ טעפּעלע מיט מילך. ״אוי״, האָט מישאַ געהאַלטן אין איין רימען די מילך: ״מילך גוט! מילך גוט! באַרישניאַ, דאַווײַ סיודאַ!״ (פֿרײַלין, גיב אַהער), און די יונגע פֿויערטע האָט פֿאַרשטאַנען. זי האָט פֿאַר אונדז נאָך אַ מאָל אָנגעשעפּט צו טעפּעלעך מילך, ביז ס'איז איר מער גאָרנישט איבערגעבליבן אינעם טאָפּ. מיט אַ מאָל האָט מישאַ אויסגעבראָכן אין אַ הילכיק געלעכטער.

"האַ, האַ, האַ, -- האָט ער מאָדנע געלאַכט -- זעסט?! זעסט דאָרטן! דאָרטן!״ און געוויזן מיטן פֿינגער אין צווייטן צימער אַרײַן אויף אַ גרויסן שפּיגל אײַנגערעמט אין אַ גרויסער שאַנק.

"דאָס בין איך?!״ -- האָט ער זיך געוווּנדערט, נישט גלייבנדיק זײַנע אייגענע אויגן -- איך? מישאַ מעדוויעד? (מישאַ דער בער?), אוי, זע נאַר! זע נאַר!״ -- און ער איז צוגעלאָפֿן צום שפּיגל, רופֿנדיק ווי אַ קינד: ״דאָס -- איך?! אי-אי-אי-ך?! און דאָס דו! זעסט?! דאָס דו! דו!!!״

ווען כ'האָב זיך דערזען אינעם שפּיגל האָב איך אויך אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנע היסטעריש געלעכטער. ביידע זענען מיר געשטאַנען פֿאַרן גרויסן שפּיגל, דער לאַנגער האַלב-נאַקעטער באַוואַקסענער מישאַ און איך, דער קליינער יעקבֿ, און געהאַלטן אין איין לאַכן פֿון זיך, אַז די טרערן זענען אַזש גערונען. דאָס ערשטע מאָל נאָך דרײַ יאָר אין לאַגער, וואָס איך האָב זיך אָנגעקוקט אין אַ שפּיגל. ביז דער באַוואַקסענער מישאַ האָט אַ זעץ געגעבן מיט זײַן פֿאַרדאַרטער פֿויסט אינעם שפּיגל אַרײַן, וואָס איז זיך צעפֿאַלן אויף שטיק שטיקלעך און מיר זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן. איצט האָט יעדער

איינער מיט זיך געפֿירט דעם גרעסטן אוצר וואָס אַ קאַצעטניק קען נאָר פֿאַרמאָגן: -- ברויט, שטיקלעך ברויט, צוזאַמענגעשנאָרט בײַ די פֿויערטעס אין דאָרף.
ווהין גייט מען? ווהין גייט אַ פֿאַרלאָזטער קאַצעטניק? פֿאַרשטייט זיך, צוריק אין קאַצעט אַרײַן, דאָס מאָל צוריק צום טראַנספּאָרט, -- דאָרטן איז נאָך אַלץ צום זיכערסטן. דאָ, אויף דער פֿרײַהייט כּלומרשט, קאָן מען אונדז אין יעדער רגע דערווישן און דערשיסן. יעדער לעבעדיק באַשעפֿעניש, וואָס גייט נאָר אויף צוויי און האָט בצים אין די הויזן, איז דאָ בעל-הבית איבער אונדזער לעבן. אונדזער גרויס מזל איז וואָס אַזעלכע באַשעפֿענישן, כ'מיין די דײַטשע מענער, ליגן אַלע אײַנגעלייגט אויף די פֿראָנטן, צי גאָר אין געפֿאַנגענשאַפֿט און דער גאַנצער שטח איז "דײַטשענריין", יעדן פֿאַלס, פֿון דײַטשע מענער. בלויז פֿון דער ווײַטנס זעען מיר אויפֿן וועגן פֿאָרן, ווי געהאַרגעט צו ווערן, רעשטלעך דײַטשע סאָלדאַטן. אַלץ צילט אין איין ריכטונג מיט אַזאַ שנעלקייט, ווי דער טײַוול וואָלט זיי נאָכגייאָגט. די סאָלדאַטן טראָגן ווײַסע אַרעמבענדער, און אויף די אויטאָס פֿלאַקערן ווײַסע פֿענער, אָדער ווײַסע שמאַטעס, וואָס זעען אויס ווי פֿענער.
"עפּעס געשעעט דאָ" -- האָב איך זיך אָנגערופֿן.
"יאָ, עפּעס געשעעט!" -- האָט מײַן באַוואַקסענער 'קאַמעראַד' נאָכגעזאָגט. מיר האָבן נאָך רעכט נישט געהאַט באַוויזן זיך גוט אומצוקוקן, ווי מיר האָבן מיט אַ מאָל דערזען אַ קליין איבערגעשראָקן שייגעצל לויפֿן דורך די פֿעלדער פֿונעם שטעטל גלײַך אין דאָרף אַרײַן, האַלטנדיק אין איין רופֿן: "די רוסען זינד דאַ! די רוסען זינד דאַ!" "הערסט? -- זאָגט מישאַ צו מיר -- נאַשי! (אונדזערע) זענען דאָ! נאַשאַ קראַסנײַאַ אַרמיִאַ!!! (אונדזער רויטע אַרמיי) -- און כאַפּט מיך אַרום מיט די לאַנגע באַוואַקסענע הענט און קושט מיך, טאַנצט און קושט מיך, -- פּאָניעמײַעש?! פֿאַרשטייסט? ברודער מײַנער, פֿאַרשטייסט?! מיר זענען פֿרײַ! באַפֿרײַט!!! סוואָבאָדני!!!" -- האָט ער אָנגעהויבן רופֿן אויף אַלע קולות, פֿאָכנדיק מיט די הענט אין דער הייך.
"סוואָ-באָ-דני!!! פֿרײַ!!!" -- האָב איך אויך אָנגעהויבן רופֿן און האָב אויסגעבראָכן אין אַ פֿאַרטריקנט געוויין פֿון אַ קאַצעטניק, אָן טרערן ... מיר גיבן זיך די הענט ווי צוויי קליינע קינדער און הייבן אָן צו לויפֿן מיט אונדזערע לעצטע כּוחות אין שטעטל אַרײַן.
עטלעכע שעה שפּעטער נאָך מײַן באַפֿרײַונג בין איך שוין געשלאָפֿן אין דעם שיינעם מיידלס אָרעמס. און אַזוי ווי איך האַלט נאָך אין איין שלאָפֿן קאָן איך דערווײַלע דערציילן, ווי כ'האָב שוין פֿריִער צוגעזאָגט, וועגן דעם סוף פֿון איר פֿאָטער, נאָך דעם ווי מיר ווייסן שוין, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר מוטער.
ווען מיר האָבן זיך אַרײַנגעריסן אינעם הויז פֿון מיידל, האָבן מיר דאָרטן געטראָפֿן אַ מאַן מיט אַ פֿרוי ליגן אין בעט. באַלד איז דער מאַן, איר פֿאָטער, געפֿלויגן דורכן פֿענסטער פֿון פֿערטן שטאָק. די פֿיר אַרמייערס האָבן אים פּשוט אָנגעכאַפּט בײַ די הענט און פֿיס און אים אַרויסגעוואָרפֿן, ווי מען וואַרפֿט אַרויס אַ חפֿץ וואָס איז מער נישט נייטיק. דער מאַן האָט בכלל נישט רעאַגירט, אַזוי ווי ער וואָלט גאָר געוואַרט אויף דעם.
נאָר אַ טרוקענער זעץ האָט זיך געהערט, ווי אַ זאַק מיט קאַרטאָפֿל וואָלט אַראָפּגעפֿאַלן און נישט קיין מענטש. די פֿרוי זײַנע איז אַזוי איבעראַשט געוואָרן פֿון

דעם אומדערוואַרטן אַקט, אַז זי האָט אפֿילו קיין פּיפּס נישט אַרויסגעלאָזט פֿון איר מויל. בלויז אירע צוויי גרויסע שיינע אויגן האָבן זיך נאָך מער צעעפֿנט. זי איז פּשוט פֿאַרטויבט געוואָרן, ווי מען פֿאַרטויבט אַ בהמה מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ איידער מען קוילעט זי. אַלץ איז צוגעגאַנגען מיט אַזאַ שטילקייט און פּרעציזקייט, ווי יעדער איינער וואָלט געקענט זיַין ראָלע פֿון פֿאָרויס. אפֿילו וואַניאַ, ווי אויך די אַנדערע אַרמייערס, האָבן דאָס מאָל קיין וואָרט, קיין קללה נישט אַרויסגעבראַכט אויף זייערע ליפּן. אָן אַ וואָרט האָט די פֿרוי אויפֿגעהויבן איר ראָז זיַידן נאַכטהעמד און צעשפּרייט די פֿיס ... ערשט דעמאָלט האָט זי איבערגעריסן די שטילקייט און געשעפּטשעט, בעטנדיק זיך: ״מאַכען זי אַלעס וואַס זי פֿערלאַנגען, מיַינע הערן, אַבער ביטע, שענקען זי מיר דאַס לעבען, שענקען זי מיר דאַס לעבען ...״

איך בין געוואָרן אַזוי איבערראַשט פֿון דעם מעמד, אַז ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווי עפּעס אַ הייליקע צערעמאָניע קומט דאָ פֿאָר אין אַ פֿאַרציַיטישן טעמפּל. גאַנץ שטיל, ווי כ׳וואָלט מורא געהאַט צו צעשטערן די שטילקייט, האָב איך אָנגעהויבן צו רעדן צו דער פֿרוי, ווי אויפֿן אויער: ״האַבען זי קיין אַנגסט, קיין אַנגסט.״ איך האָב גרויס רחמנות באַקומען אויף דער פֿרוי און זי געוואָלט טרייסטן. אויף אירע געשניצטע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ ליַיכטער שמייכל פֿון דאַנקשאַפֿט, ווי זי וואָלט טאַקע געוואָלט גלייבן, אַז אַזוי וועט זיַין. אָבער אַנדערש האָט זיך די זאַך אָפּגעשפּילט ...

ווען איך האָב אויפֿגעמאַכט מיַינע אויגן איז אין דרויסן געווען פֿולער טאָג. די זון האָט שטראַלנדיק אַריַינגעשיַינט דורכן פֿענצטער. דאָס מיידל איז אָבער מער נישט געווען, אויך וואַניאַ איז מער נישט געווען, נאָר דער אויפֿגעריסענער קערפּער פֿון דעם מיידלס מוטער איז געלעגן אויפֿן בעט אין צווייטן צימער. ווען כ׳בין אַרויס פֿון הויז האָב איך באַמערקט דעם פֿאָטער ליגן אויסגעצויגן אויף דר׳ערד, ווי ער וואָלט רויִק געשלאָפֿן. אַ קופּע מיט פֿליגן איז געווען פֿאַרזאַמלט אויף זיַין פּנים. איך האָב אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און בין געגאַנגען וויַיטער.

די פֿרימאָרגנדיקע זון פֿון דעם 9טן מיַי 1945 האָט מילד געוואַרעמט מיַין אויסגעדאַרטן גוף. גייענדיק האָב איך זיך יעדער מינוט אומגעקוקט הינטער זיך, נישט גלייבנדיק די פֿאַנטאַסטישעווירקלעכקייט, אַז איך בין פֿריַי. ווידער אַ מאָל און ווידער אַ מאָל האָב איך מיך אויסגעדרייט, פֿעסטצושטעלן צי קיין וואַכמאַן גייט נישט הינטער מיר, און טראָץ מיַינע קראַנקע געשוואָלענע פֿיס האָב איך אָנגעהויבן צו לויפֿן וואָס אַ מאָל שנעלער און שנעלער מיט אַן איבערנאַטירלעכן כּוח, צו לויפֿן אין דער פֿריַיהייט, אין אַ באַפֿריַיטער וועלט ...